# געבאָטען פאַר יעדען עכטען אנהענגער פון „יבנה״

### (פערצעהן אזהרות)

### א) לעב נור פון אייגענער אַרבייט!

בעמיה זיך מיט אַלע כחות צו לעבען פון אייגענעם פיזישער אַרבייט און ניט פון מסחר. מסחר איז געגרינדעט איבערהויפּט אויף שווינדעל און שווינדעל איז — שקר. שקר איז אָבער דער פּוילער הפך פון דעם, וואָס עס פערלאַנגט דער אויבער-שטער, וועלכער איז דורכאויס אמת („ד׳ אלקים אמת״ און „חותמו של הקדוש ברוך הוא — אמת״).

אויב דו ביסט, ברודער, אַנ׳אַרבייטער בעמיה זיך צו פערפאָלקאָמענען זיך אין דיין פאַך און שטרעב ניט, ווי עס טהוען היינט ליידער פיעלע, צו לאָזען דיין אַרבייט אום צו לעבען פון לייכטע פּרנסות. אויב דו ביסט נאָך נישט קיין אַרבייטער — בעמיה זיך צו ווערען אַנ׳אַרבייטער. איז דיר שווער אַריינצוקומען אין היינטיגע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען אויס רעליגיעז-עטהישע טעמים, בילד מיט אַנדערע חברים פון „יבנה״ פער-אייניגטע וואַרשטאַטען, קאָאָפּעראַציעס, וכדומה.

ביסטו צו אַלט אָדער שוואַך צו ווערען אַנ׳אַרבייטער, בעמיה זיך כאָטש צו אויס-וועהלען אַזאַ פּרנסה, אין וועלכער ס׳איז דאָ אַמווייניגסטען מסחר און שטיץ מיט אַלע כחות דיינע חברים, וואָס אַרבייטען יאָ.

### ב) דערווייטער זיך פון מותרות!

דער לוקסוס עסט אויף דעם מענשענס מוח און דעם מענשענס כח. דער לוקסוס טרייבט דעם מענש צו אונאויפהערליכען שווינדעל און ממילא — צו גניבה און גזילה. שטרעבען צו עכטער יודישקייט און לעבען אין דער זעלבער צייט אין לוקסוס הייסט זיין אַ „טובל ושרץ בידו״...

לעב דעריבער צוריקגעצויגען, איינגעהאַלטען, אָבגעזונדערט און דערווייטערט פון אַלע אַלערליי אויסערליכע תענוגים. זאָג זיך אָב, ווי ווייט דו ביסט נאָר ביכולת, פון אַלע רגילות׳ן וואָס עסען אויף דיין געלד, ברענגען דיין גוף קיינע נוטצען נישט און דיין נשמה ברענגען זיי נור שאָדענס. מייד אויס, ברודער, אַלערליי טעאַטערען, בעלער, אָוועַנדען, רויכער נישט, טרינק נישט קיין שאַרפע משקאות, טראָג נישט קיין טייערע בגדים, ציהר זיך ניט אין רינגען, וכדומה, שטרעב ניט צו בעפּוצען און בעציהרען בע-זונדערס דיין דירה, וכדומה. ריין, בעצירט און בעציר בעסער, דיין נשמה, ליעבער ברודער!

## ג) עקספּלואַטיר קיינעם נישט!

ווען דו ווערסט לעבען נור פון דיין אייגענער אַרבייט און לעבען וועסטו דערביי שטיל, בעשיידען, איינגעהאַלטען, צוריקגעצויגען, דערווייטערט פון תענוגים און פון מותרות וועט דיר לייכט זיין צו ממלא זיין דעם גרויסען הייליגען געבאָט פון יעדער ריינער עטיק: עקספּלואַטיר קיינעם נישט! נוץ קיינעם נישט אויס צוליב דיין טובה אָהן יענעמס הסכמה און אפילו מיט יענעמס הסכמה, אויב יענער בעקומט ניט דעם פולען עקוויוואַלענט פון דעם. יעדער מענש איז אַ צוועק פאַר זיך. יעדער מענש איז אַ וועלט פאַר זיך. יעדע אויסנוצונג, אין וואָסער פאָרם זי זאָל ניט זיין איז, אין עטישען און ממילא אויך אין ריין רעליגיעזען זין, גזילה און רציחה.

דער פאַבריקאַנט אָדער דער מייסטער, וואָס נוצט אויס זיינע אַרבייטער אָהן צו בעצאָהלען זיי, ניט נור די נאָמינאַלע, אין גאַס אָנגענומענע, נור די אמתע, גאַנצע און פולע פּרייז פאַר זייער ארבייט הייסט עקספּלאַטאַטאָר. יעדער סוחר, וואָס נוצט אויס דעם צווייטען מענשען סיי ביים קויפען, סיי ביים פערקויפען, צום שלעכטען הייסט עקספּלואַטאַטאָר.

עקספּלאָאַטירען עקספּלואַטירען היינט אַמאָל אויך פּאָליטיקער, זשורנאַליסטען, דאָקטוירים און אַלע אַנדערע, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט פרייע פּראָפעסיעס. יעדע אויסנוצונג פון עמיצען אָהן יענעמס פולען, ריינען, גוטען און פרייען ווילען איז אַ פערברעכען.

היט זיך פון דעם אַלעמען ווי פון פייער, ליעבער ברודער!

## ד) ריינינג דיין פאַמיליען-לעבען.

די פאַמיליע איז אַלע מאָל געווען די פעסטונג פונ׳ם יודען. נאָך דער אַרבייט, רדיפות און עגמת נפש פון טאָג האָט דער יוד געפונען רוה און טרייסט אין זיין שטילען, פיינעם און ריינעם פאַמיליען-לעבען. די יודישע פאַמיליע איז אַלע מאָל ביים יודען אַ הייליגטהום. בלעם האָט עס נאָך געזעהן און האָט געמוזט זאָגען: „מה טובו אהליך יעקב". בלעם האָט עס געזעהן און זיין אויג איז פון קנאה בלינד געוואָרען („על זה נסמית עינו של אותו רשע").

היינט האָט זיך אָבער, צום אונגליק, אַריינגעריסען די הפקירות פון גאַס אויך אין דער יודישע פאַמיליע. בעזונדערס האָט זיך די פעסטונג, וואָס הייסט „ריינע און שענע יודישע פאַמיליע" אין פוילען אָנגעהויבען צו ברעכען פון דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. יעצט געהט די ירידה טיעפער און טיעפער. עס העלפען דערצו: די אַלגעמיינע פריצות פון גאַס, די טעאַטערען, די קינאָ׳ס, די שונד-פרעסע און שונד-ליטעראַטור. עס העלפט דערצו אפילו אויך אַ היבשע טהייל פון דער אַזוי גערופענער „בעסערער און ערנסטערער ליטעראַטור". עס העלפען דערצו אויך, ווילענדיג צו ניט ווילענדיג, אויך אַ טהייל פון די, וואָס האַלטען זיך פאַר „קינסטלער".

מייד אויס אָט די געפאַהר, ליעבער ברודער! שטרענג אָן אַלע דיינע כחות אויף צו דערהאַלטען רוה, פרידע און ליעבע אין דיין פאַמיליע!

ה) היליג דיין געשלעכטליך לעבען בכלל!

„שמירת הברית" און „קדושת הברית" זענען די גרויסע יסודות סיי פון אינערליכער סיי פון אויסערליכער קדושה. אויף דעם איז איבערהויפט געזאָגט געוואָרען: „קדושים תהיו" און „כל המקדש עצמו מלמטה מקדשין אותם מלמעלה". „יסוד—סיומא דגופא, אות ברית קדש". איז מען דערין ריין איז מען אַ קדוש; איז מען דערין אונריין איז מען—אַ טמא. און היטען מוז מען זיך דערביי ניט נור פון עבירות ממש, נור אויך פון „הרהורי עבירה". די הויפט-רפואות צו דעם זענען: שטענדיגע סיסטעמאַטישע אַרבייט (אַמבעסטען פיזישע אַרבייט) און תורה-לערנען מיט שטאַרקען עיון „אין לתאוות מקום אלא בלב פנוי מחכמה" — רמב"ם: „טוב תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עון"—יגיעה דוקא. אין קיין פאַל ניט לעדיג-געהעריי. דאָס לעדיג-געהעריי ברענגט צו אַלע אונגליקען.

ו) היט זיך פון מאכלות אסורות!

„ונטמאתם בם — ונטמטם בם" מאכלות אסורות אומרייניגען זיעם קערפער און די נשמה. „מאכלות אסורות" ברענגען אַריין שלעכט, אומריין בלוט אינ'ם מענשען. אַ טהייל פון דער יודישער יוגענד איז היינט מעהר, ווי עס איז אַמאָל געווען, געניגט צו רשעות איבערהויפט דערפאַר, וואָס זי היט זיך ניט פון מאכלות אסורות. היט זיך ברודער פון מאכלות אסורות ווען דו ווילסט ניט זיין אומריין, שלעכט און בייז!

ז) היליג דיין שבת!

שבת איז ניט סתם אַ מצוה, נור אַ יסוד היסודות. ווער עס פערשוואַכט דעם שבת פערשוועכט חלילה דעם אלקי ישראל. יוער עס היט ניט קיין שבת איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה. „שמור וזכור בדבור אחד השמיענו אל המיוחד". פעראייניג זיך מיט דער קדושה פון שבת און דורך איהר — מיט הקדוש ברוך הוא. שבת דאַרף אָבער איבערהויפט ניט נור אויסערליך, נור אויך אינערליך אָבגעהיט ווערען (דאַווען, לערן, מאַך אַ'אמת'ן חשבון הנפש, טראַכט נור וועגען היליגע, ריינע ענינים). שבת האַלט אויף די גאַנצע יודישע נאַציע. „כנסת ישראל" און „שבת" זענען אַ „בן זוג" און אין זיי רוהט — עתיקא קדישא.

ח) היליג דיין הויז!

ניט נור אַ שול, אַ בית-מדרש, אַ שטיבעל, נור אויך אַ געוועהנליך יודיש הויז איז אַ מקדש-מעט. ווען איז עס אָבער געוואָרען? ווען אינ'ם הויז ווערען שטענדיג געהערט דברי-תורה, תפלות, ברכות, קדוש, הבדלה, און דאָס אַלץ ווערט אַרויסגעזאָגט מיט עכטקייט, מיט אמתדיגקייט, מיט שטאַרקער און טיפער אינערליכקייט;

ווען פאָטער און מוטער, ברודער און שוועסטער לעבען צווישען זיך אין שטילקייט און אמת׳ן שלום (און וואו עס איז שלום, דאָרט איז אויך די ברכה פונ׳ם אבי-שלום); ווען קינדער ווערען ערצויגען אין עכטען און ריינעם תורה-גייסט; ווען אין הויז ווערט פון אַלעמען יודיש גערעדט און עס ווערט געליעבט, געאַכטעט און געשעצט אַלץ, וואָס וואָס איז יודיש.

ווי זעהט אָבער היינט אויס אַ געוועהנליך סוחריש יודיש הויז? הַנדעל, וואַנדעל, מאָל — אַ שטיקעל בערזע; אַמאָל, — אַ שטיקעל קאָרטען-קלוב; אַמאָל — אַ שטיקעל אַנק-זאַל צי בעלער-זאַל. דער פאָטער געהט זיך זוכען זיינע פערגעניגענס; די מוטער — איהרע פערגעניגענס. אייביגע אומצופרידענהייט און אייביגע אָפענע צי בעהאַלטענע צאַנקערייען. די טעכטער רעדען ניט קיין יודיש. די זיהן — קאַנדידאַטען אויף לופט-פרנסות. עס ווערט זאפילו אויסערליך אָבגעהיט שבת-יום-טוב, אָבער אָהן פייערליכקייט, אָהן נשמה, אָהן לעבען. עס ווערט געדאַווענט, עס ווערען אויסגעפיהרט צייטענווייז מצוות און מנהגים אלץ אָבער ניר — מצות אנשים מלומדה. אין דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין ליכט און קיין פייער, וואו עס איז ניטאָ קיין אהבה און קיין דביקות, — דאָרט איז ניטאָ קיין משכן פאַר׳ן אל עליון.

בן-יבנה! זאָל דיין הויז ניט זיין „סוחריש-וועלטליך". זאָל דיין הויז זיין ווי אַ יודיש הויז בעדאַרף אויסצוזעהן, — אַ מקדש מעט!

אין דיין הויז זאָל געהערט ווערען די יודישע שפראַך, קול תורה, דברי שלום, האַרציגע תפלות, צער אויפ׳ן גרויסען וועה פון ישראל און שטילע האָפנונגען אויף גו לה.

## ט) לעב שטענדיג אינ׳ם כלל ישראל און מיט׳ן כלל-ישראל.

זאָרג ניט פאַר זיך, נור פאַר׳ן גאַנצען כלל-ישראל. דער וועה פונ׳ם גאַנצען כלל זאָל זיין דיין וועה; זיין פרייד — דיין פרייד. יעדער איינציגע יודישע נשמה איז אַ טהייל פון דער שכינה; כללות-נשמות-ישראל, — כנסת-ישראל, שכינתא -תתאה, מלכות שמים אויף דער ערד. אַ וועהטאָג פון אַ יודישער נשמה איז צער השכינה, כביכול. ווי זשע קענסטו, בן-יבנה, גורם זיין א וועהטאָג אַ וואָסער ניט איז יודען? ווער עס אַרבייט מיט אַן׳אמת און מיט׳ן גאַנצען האַרצען פאַר דער גאולה פון ישראל ווי ער פערשטעהט עס — אַרבייט ער פאַר גאולת-השכינה. געבענשט זאָל זיין, ווער עס טהוט עטוואָס גוטס ישראל, מעג ער זיין ווי ווייט פון אונז אין דעות! געבענטשט זאָל זיין יעדע האַנד, וואָס איז אויסגעשטרעקט אויף צו ברענגען הילף ישראל!

בן-יבנה! אין אַלע דיינע געדאַנקען, אין אַלע דיינע שטרעבונגען, אין אַלע דיינע דבורים, אין אַלע דיינע מעשים, זאָלסט האָבען ניט זיך און דיינע נאָהנטע אין זינען, נור דעם גאַנצען, גרויסען, הייליגען פאָלק ישראל. זיך און דיינע אייגענע זאָלסטו אויך אַריינרעכענען אין אָט דעם כלל. אין דער ישועה פונ׳ם כלל איז אויך דיין ישועה!

## י) דערווייטער זיך פון יעדער פּאָליטיק און פון יעדער פּאַרטייאישקייט!

כּל־זמן דו דאַרפסט לעבען אין כּלל און דאַרפסט אַרבייטען בעד פּאַר׳ן כּלל, דאַרפסטו זיך ניט אָנשליסען אָן קיין בעזונדערע פּאַרטיי, מעג זי זיך זיין ווי נאָענט דיר צום האַרצען, כּל־זמן די פּאַרטיי פיהרט פּאָליטיק און מוז צוליב איהר פּאָליטיק פערבוגען די פּרינציפּען פון שטרענגער גערעכטיגקייט און פערברידערונג פון אַלע יודען. ביזטו שוין אין אַ פּאַרטיי און קענסט פון איהר ניט אַרויס, בפרט ווען איהר הויפּט־צוועק איז בנין־האומה, דאַרפסטו דאָך שטרענג אַכטונג געבען אויף יעדע אונטערבעהמונג פון דיין פּאַרטיי און אויף יעדע טהאַט איהרע. דיין מענשליכקייט, דיין יודישקייט, דיינע ריינע געוויסען, — דאָס אַלץ איז טויזענד מאָל העכער אפילו פון דער בעסטער און שענסטער פּאַרטיי!

גיט זייענדיג קיין פּאַרטיי־מענש אָדער זייענדיג אַ פּאַרטיי־מענש, קענסטו, דאַרפסט און מוזט געהן מיט יעדער פּאַרטיי אויף וויפיעל איהרע מעשים זענען צוגעפּאַסט צו דעם בנין פון דער גאַנצער אומה און צו דער אחדות פון דער גאַנצער אומה און דאַרפסט זיך דערווייטערען פון איהר אויף וויפיעל זי צושטערט, צורייסט, טהיילט פונאַנדער יודען אָדער זי בענוצט זיך צים דערגרייכען איהר צוועק מיט מיטלען, וואָס זענען געגען דעם ריינעם גייסט פון יודענטהום, וואָס איז דאָך ניט אַנדערש ווי אהבה יושר און קדושה.

## יא) גערעכנט און פערגעס קיינמאָל נישט אָן די דריי אהבות!

דער „בן־יבנה” דאַרף שטרעבען פולער גאַנצקייט אין רעליגיעזען זין: יראת־חטא, שמירת המצות בפועל ממש. איבערהויפּט דאַרף ער אָבער שטענדיג דורכגעדרינגען זיין מיט די דריי אהבות: אהבת־המקום, אהבת ישראל און אהבת התורה (זעה אויבען — וואָס וויל יבנה?”).

## יב) צוברעך דיין גאוה!

„גאוה” — דאָס איז דער טיעפסטער און דער שטאַרקסטער אָבגאָט. גאוה — דאָס איז דער „אל זר שבגופו של אדם”. גאוה איז איינגעוואַקסען און איינגעגעסען אינ׳ם מענשען און אויף אויסצוואָרצלען זי דאַרף מען אַרבייטען צעהנדליגע יאָהרען. נאָך מעהר: דאָס גאַנצע לעבען דאַרף מען מיט איהר קעמפפען. כּל־זמן זי איז דאָ פערשטעלט זי גאָט פונ׳ם מענשען; פערשטעלט זי דעם צווייטען מענשען; פערשטעלט זי די אויסערליכע וועלט. דו קענסט צום אמת׳ן אור ניט צוקומען כּל־זמן דו האָסט אין זיך גאוה. „פקדו את הארורה הזאת — וקברוה!”...

## יג) הייליג דיין דבור!

דער דבור איז דער אויסדריק פון דער נשמה. בריות הלשון, קדושת הלשון. קיין וואָרט לשון הרע! קיין וואָרט רכילות! קיינע דברים בטלים! עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז דו טאָרסט ניט מטמא זיין דיין צונג מיט נבול-פה. מיין ניט, אַז "רעדען שאַדט ניט". און וואָס מאַכט עס אויס? אַ גראָבע הלצה'לע? וועמען שאַדט עס? ניין, ליעבער ברודער! אַ וואָרט בוים וועלטען און אַ וואָרט מאַכט חרב וועלטען. דו, בן-יבנה, דאַרפסט זיין אַ בויער, אַ שעפער, און אויסשעלער פון אַ חרב געוואָרען לעבען. זאָל דעריבער דיין וואָרט הייליג זיין!

## יד) הייליג דיין אינערליך לעבען!

עס זאָלען ניט אַריבערגעהן קיין איין טאָג אין דיין לעבען אָהן השבון הנפש. יעדען טאָג זאָלסטו לערנען אָדער הערען מוסר. אַ חובת-הלבבות, אַ מסלת-ישרים, אַבני-אורחות-צדיקים, תניא, אַ לקוטי-עצות, זאָלען שטענדיג דיינע בעגלייטער זיין.

ביסטו אַ טרוד, קענסטו אַלענפאַלס אָבגזלנען פון דיינע בעשעפטיגונגען אַ 5 צו 10 מינוט אין טאָג און צו אָבזונדערען זיך אין אַ ווינקעלע און מאַכען אַ קורצען, אָבער שטרענגען חשבון מיט זיך.

און אַ שטילע געבעט דערביי, אַ קורצע תפלה:

רבונו של עולם! פיהר מיך אין אַ ריכטיגען, אין אַ ליכטיגען וועג!...

---

## בעמערקונג:

יעדער עזער, וואָס האָט ביי זיך פעסט בעשלאָסען צו אָנהויבען לעבען לויט די י"ד אזהרות, וואָס זענען אויס-געררעכענט אויבען, כאָטש ניט מיט אַמאָל, נור שטופענ-וויז, קען זיך וועגדען וועגען דעם, סיי מינדליך, סיי שריפטליך צו הלל צייטלין, שליזקא 60, וואַרשא.